וואָס איז נוצלעך, אַז איך זאָל עס נישט האָבן געזאָגט
צו אייך, און אייך געלערנט, סײַ עפנטלעך סײַ פון
21 הויז צו הויז, עדות זאָגנדיק צו יידן און צו
גריכן וועגן תשובה צו ג-ט און אמונה אין אונזער
22 האַר ישוע המשיח. און זע, איצט, געבונדן אינעם
גייסט, גיי איך קיין ירושלים, נישט וויסנדיק, וואָס
23 עס וועט מיך דאָרטן באַגעגענען, אַ חוץ דעם, וואָס
דער רוח הקודש איז מעיד צו מיר אין יעדער
שטאָט, אַזוי צו זאָגן, אַז עס וואַרטן אויף מיר קייטן
24 און צרות. נאָר איך האַלט, אַז מיין לעבן איז נישט
ווערט די רייד, אַזוי טייער איז עס פאַר מיר, אויב
איך זאָל נאָר קענען פאַרענדיקן דעם לעבנס-לויף
מיינעם, און די עבודה, וואָס איך האָב באַקומען
פון דעם האַר ישוע, עדות צו זאָגן פון דער גוטער
25 בשורה פון ג-טס חסד. און זע, איצט ווייס איך,
אַז איר וועט מער קיינמאָל נישט זען מיין פּנים,
איר אַלע, צווישן וועמען איך בין אַרומגעגאַנגען,
26 אויסרופנדיק דאָס קעניגרייך פון ג-ט. דערפאַר
בין איך מעיד צו אייך דעם היינטיקן טאָג, אַז איך
27 בין ריין פון דעם בלוט פון אַלע (מענטשן). וואָרום
איך האָב מיך נישט צוריקגעהאַלטן, אייך נישט
28 אָנצוזאָגן דעם גאַנצן ראַט-ווילן פון ג-ט. היט זשע
זיך און די גאַנצע סטאַדע, אויף וועלכער דער רוח
הקודש האָט אייך באַשטימט פאַר משגיחים, כּדי
צו פּאַשען ג-טס קהלה, וועלכע ער האָט געקויפט
29 מיט זיין אייגן בלוט. איך ווייס, אַז נאָך מיין אוועק-
גיין וועלן אַריינקומען צווישן אייך בייזע וועלף,
וואָס וועלן נישט האָבן קיין רחמנות אויף דער
30 סטאַדע; און פון אייך אַליין וועלן אויפשטיין מענער,
וואָס רעדן פאַרקערטע זאַכן, אָפּצוציען די תלמידים
31 נאָך זיך. צוליב דעם זאָלט איר שטיין אויף דער